# משנתו

מאמרים, מאורעות ופעולות בתוככי היהדות הנאמנה ההולכים לאורו של

## מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע

יו"ל ע"י תלמידי וחסידי סאטמאר - ארה"ב

שנה ו' גליון קע"ו | שמות - וארא תשפ"ה לפ"ק

**קרבות יחפצון: אומגלויבליכע הפקרות אויפ'ן חשבון פון אידיש בלוט!**

# ארכי-רעכטע עקסטרעמיסטן פרובירן מיט אלע כוחות צו שטערן פייער-אפשטעל מיט כאמאס וואס וועט באפרייען איזראעלי משכונות

ביבי ברעכט זיך אונטער דרוק פון טראמפ, איז מסכים איינצושטעלן פייער אפשטעל – אראבישע פירער: "טראמפ'ס שליח האט באצווינגען נתניהו אין איין מיטינג מער ווי ביידען האט באוויזן אין א יאר" – בן גביר עפנטליך מודה אז "ער" איז געווען דער וואס האט געשטערט אלע ביז-איצטיגע פארהאנדלונגען פאר אפמאך – בן גביר און סמוטריטש סטראשען צו צוברעכן קאאליציע אויב מלחמה ווערט אפגעשטעלט

## משכונות נאך אין עזה

- **94** – פארכאפט אקטאבער 7
- **34** – פאררעכנט אלס נישט לעבעדיגע
- **2** – שוין לאנגע יארן ביי כאמאס
- **2** – קערפערס געפאנגען זינט '014
- **33** – ערווארטעט צו ווערן באפרייט אין ערשטע פאזע

# 'שר הבטחון' כ"ץ שטעלט ארויס נייעם חוק הגיוס מיט שרעקליך-היכע יעדים און שווערע שטראפן אויף ישיבות און בני ישיבות פאר'ן 'חטא' פון לימוד התורה אין מדינת ישראל

**חרדי'שע פארטייען אין כנסת המינים שפירן זיך 'פאררעטן' דורך 'זייער פריינט'** - זעט פולע דעטאלן אויף זייט 4

# סאטמאר פיבערט פאר די עדה החרדית!




מי רואה את אלו יוצאים ואינו יוצא:

## פוסק וגדול הדור מרן גאב"ד ירושלים שליט"א רופט כלל ישראל זיך אנצושליסן אלס 'חבר נאמן' אין עדה החרדית למען העמדת הדת בארה"ק



דער רב שליט"א במכתב קדשו:

"בקשתי שטוחה מכל אחד ואחד להצטרף להיות מן העושים והמעשים למען ועד הפעולה של העדה החרדית, ולהשתתף בתרומה חודשית קבועה להעמדת יסוד איתן לפעולות הקודש תמידין כסדרן"...

על משמר החינוך

# פערלס' ווענדונג צו פעדעראלע עדיוקעישאן דעפארטמענט

**אנהייב די וואך האבן עטליכע מוסדות התורה אין ניו יארק סיטי, אונטערגעפירט דורך פערלס, זיך באקלאגט צום "אפיס אוו סיוויל רייטס" אין וואשינגטאן אז די ניו יארק סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט פירט דורך דיסקרימינאציע קעגן די באטרעפנדע מוסדות.**

**אזוי ווי ס'הערשט א שטארקע צעמישעניש איבער דעם - און ס'איז דא ווער עס האט אינטערעסע ס'זאל הערשן א צעמישעניש... - לאמיר פרובירן אביסל אויסקלארן וואס דא האט יעצט פאסירט:**

## וואס איז דער "אפיס אוו סיוויל רייטס"?

אַן אפיס אינערהאלב די "עדיוקעישאן דעפארטמענט" פון די פעדעראלע רעגירונג. אין קורצן ווערט עס גערופן "או-סי-אר". (ס'זענען אויך פאראן אנדערע דעפארטמענטס, סיי פעדעראל סיי סטעיט, וועלכע פארמאגן אזא 'סיוויל רייטס' אפיס.)

סיי ווער פון איבער'ן גאנצן לאנד שפירט אז ס'קומט פאר דיסקרימינאציע קעגן אים אין סיי וועלכע עדיוקעישאן אפטיילונג, צי ס'זאל זיין א סטודענט קעגן א סקול, אדער א סקול דיסטריקט, אדער א סקול קעגן די סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט [ווי אין אונזער פאל], קען זיך באקלאגן צום "אפיס אוו סיוויל רייטס", און נאך אַן אויספארשונג וועט זי רעקאמענדירן די ווייטערדיגע שריט.

## איז די יעצטיגע ווענדונג א געריכטליכע קלאגע?

ניין.

דאס איז א בקשה פונעם פעדעראלן עדיוקעישאן דעפארטמענט צו אויספארשן און באשטראפן די "ניו יארק סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט" פאר דיסקרימינאציע.

[ס'ווערט טאקע גענוצט דער אויסדרוק "אנקלאגע", און אין יסוד איז עס דאס זעלבע ווי ביי א ווענדונג צום געריכט - אבער ס'איז נישט די זעלבע זאך, און ס'זענען פאראן פילע חילוקים צווישן די צוויי.]

## וואס פונקטליך איז די אנקלאגע/באקלאגעניש?

דער פערלס אדוואקאט, אין נאמען פון די פיר מוסדות, באקלאגט זיך אז ניו יארק סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט, אדער "נייסעד" (NYSED), רודפ'ט די מוסדות בלויז דערפאר וואס זיי זענען אידיש [ארטאדאקסישע] מוסדות, און די סטעיט האט זיך געמאכט א ציל צו צוברעכן דעם חרדי'שן חינוך. - אין אנדערע ווערטער, "דיסקרימינאציע" קעגן שולעס פון א מינאריטעטן-גרופע [פונקט ווי ווען א רעגירונג אפיס רודפ'ט, להבדיל, בלויז שווארצע שולעס כדי צו דיסקרימינירן קעגן שווארצע, אד"ג.]

ס'ווערט דארט אנגעגעבן פינף ספעציפישע פונקטן וואס ווייזן אז "נייסעד" פירט זיך אויף אנדערש צו פריוואטע "אידישע" שולעס, און פאדערט פון זיי זאכן וואס זיי וואלטן נישט/האבן נישט געפאדערט פון אנדערע פריוואטע שולעס.

למשל, די סטעיט פארלאנגט אז אלע 12 סאבזשעקטס מוזן ווערן געלערנט בלויז אין ענגליש, און קענען נישט ווערן געלערנט אין אידיש אדער לה"ק אדער אראמיש, אין די זעלבע צייט וואס ווען ס'איז נוגע צב"ש צו שטודיעס אין שפאניש וועט זי דירעקט יא מוטיגן שפאניש-אפשטאמיגע סטודענטן צו לערנען אין "דועל שפראכן".

ס'ווערט דארט אויך ציטירט אז א הויכע איינגעשטעלטע פון די סיטי עדיוקעישאן דעפארטמענט האט אפן געזאגט אז זי וויל צווינגען מוסדות צו לערנען מיט די קינדער אזעלכע ענגלישע ביכער "וואס די עלטערן ווילן נישט ערלויבן די קינדער צו לערנען", עפעס וואס איז אפענע דיסקרימינאציע קעגן חרדי'שע עלטערן און מוסדות.

און אזוי נאך אנדערע טענות.

## איז די אנקלאגע קעגן די עצם אנטי-חינוך רעגולאציעס?

ניין.

ס'ווערט זייער קלאר ארויסגעברענגט אז די אנקלאגע איז נישט קעגן די שאנדפולע א.ג. "פּאַרט 130" רעגולאציעס פון אלול תשפ"ב, נאר אויסשליסליך איבער די טענה אז "נייסעד" נוצט ניו יארק'ס געזעצן מיט שלעכטע כוונות צו צילן, און דיסקרימינירן, קעגן חרדי'שע מוסדות און עלטערן.

ס'זענען פאראן עטליכע סיבות פארוואס די מוסדות קלאגן נישט דעם עצם געזעץ און/אדער רעגולאציעס, עפעס וואס געהער ענדערש צו א געריכט, בפרט ווען מ'האלט פאקטיש אינמיטן געריכטליכע פראצעדורן קעגן א חלק פון די רעגולאציעס. [ס'איז נאכאלץ מסתבר אז ס'וואלט יא געווען בעסער, און וויכטיג, ווען ס'ווערט צווישן די ווערטער ארויסגעברענגט קלאר די קעגנערשאפט פון יהדות ניו יארק קעגן די עצם רעגולאציעס, עפעס וואס איז מסתמא געווען צו שווער פאר'ן פערלס אדוואקאט אפן מודה צו זיין...]

## איז נישט די אנקלאגע בעצם א הודאה אז די עדיוקעישאן דעפארטמענט איז דא צו רודפ'ן חרדי'שע מוסדות?

ס'איז אויסדריקליך יא.

און ס'איז אין שארפן קעגנזאץ צום מהלך וואס פערלס, און טייל פון באקלאגנדע מוסדות, האבן טרומפייטערט פאר א לאנגע צייט, אז 'די רעגירונג זוכט אראפצוקריכן פון בוים', און 'וויל זיך דורכקומען מיט די מוסדות', אד"ג.

## וואס גייט יעצט פאסירן?

דער או-סי-אר גייט אויספארשן די טענות, און אויב זי וועט באשליסן אז ס'איז ווירקליך דא דיסקרימינאציע, וועט זי פאדערן פון "נייסעד" זיך אפצולאזן פון חרדי'שע מוסדות, און מסתמא אויך ארויפלייגן פינאנציעלע שטראפן אויף די סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט - וועלכע באקומט ביליאנען דאלארן יערליך פון די פעדעראלע רעגירונג.

## וואס זענען די שאנסן עס זאל אפשטעלן דעם גזירת החינוך?

כמובן איז שווער פאראויסצוזאגן עתידות, און מ'קען ערווארטן א העפטיגן קאמף דורך "נייסעד" קעגן די אנקלאגע.

אבער טייל פון די אויסגערעכנטע טענות זענען שטארקע פונקטן וואס שטעלן די סטעיט אין א שלעכטע ליכט.

דערצו דארף מען נעמען אין חשבון אז די אריינקומענדע טראמפ אדמיניסטראציע וועט ווארשיינליך זיין אסאך מער סימפאטיש צו אזוינע אנקלאגעס - און דאס איז מסתמא א הויפט סיבה פאר'ן יעצט זיך באקלאגן צו די פעדעראלע עדיוקעישאן דעפארטמענט.

[פאקטיש זענען אין די לעצטע מאנאטן געווארן אונטערגענומען העפטיגע שתדלנות ביי די אריינקומענדע אדמיניסטראציע צו באקעמפן דעם גזירת החינוך, אין שפיץ פונעם שתדלנות-באזוך פאריגן זומער דורך כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א ביים זון און נאנטער ראטגעבער פונעם פרעזידענט, עריק טראמפ, און נאך א רייע שריט וואס קענען נישט ווערן דיסקוסירט ברבים.

ס'איז נישט אויסגעשלאסן די מעגליכקייט אז די איצטיגע אנקלאגע זוכט 'ארויפצושפרינגען אויפ'ן וואגן' פון די שתדלנות. האפנטליך וועט עס נישט זיין קיין שטער.]

*

כלל ישראל קוקט זיכער ארויס אז סיי וועלכע שתדלנות אין די נושא זאל געפירט ווערן אין גוטן ריכטונג, און זאל מצליח זיין צו מבטל זיין די גזירת החינוך. יבא הנס מכל מקום.

# הונדערטער סאטמארע חסידים טראגן שוין מיט שטאלץ בכבוד'דיגן טיטל: 'חבר נאמן' בעדה החרדית!!

פייערדיגע הכרזה בנוכחותו פון כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א, ליל שב"ק ויגש, בעת הגאון האדיר הדומ"ץ שליט"א ערשיינט פערזענליך אויפ'ן ארון הקודש – קאמפיין שפאנט פאראויס מיט ציל פון "טויזנט סאטמארע מעמבערס" אין עדה"ח – שטורמישער קאמפיין זעצט פאר איבער אלע שכונות **בקרית מלך רב קרית יואל** – תושבי **מאנסי** גרייט אויפצונעמען חשוב'ע עסקנים אין לויף פון קאמפיין למען קיום העדה החרדית אין לויף פון **קומענדיגע וואך פ' וארא** – וועט דערנאך ווייטער פארזעצן איבער אלע סאטמארע קהילות ברחבי ארה"ב וקאנאדא


בעז"ה זאת חנוכה תשפ"ה

אל מע"כ אחים לדעה תלמידי וחסידי מרן רביה"ק מסאטמאר זיע"א בארה"ב.

יהי נועם ה' עליכם

הן מודעת זאת וביותר בזמננו כאשר החושך יכסה ארץ שדרך ההתבדלות מרשעי ישראל הינה הערובה היחידה להחזיק איתן מול גלי המים הזידונים השוטפים עלינו, ועלינו לחזק את ידי המבצר הגדול 'העדה החרדית' וכידוע מרן רביה"ק מסאטמאר זיע"א דרש לפני קהל עדת צאן מרעיתו על גודל החובה לבוא לעזרת ה' בגיבורים לעמוד לימין 'העדה החרדית' ולהתייצב לעזרתה, וכתב במכתבו (מיום ז' טבת תשי"ט) 'העדה החרדית היא השריד הנשאר לנו שאינו מושפע מדעת המינים כפי היסוד שנתייסד מדעת הגדולים שבדור שלפנינו'.

ובפרט במצבנו בתקופה האחרונה כאשר משנאי ה' נשאו ראש לכלות את כל היקר והקדוש מישראל, ואין לך יום שאין קללתו מרובה משל חבירו, הן בגזירת הגיוס המרחפת על דרי ארצנו הק', והן בהתערבות השלטון במוסדות התורה והחינוך ועוד גזירות על הדת, הרי חובה מיוחדת רובצת עלינו לעמוד על משמר חומת ההתבדלות ולהתייצב כחומה בצורה להכריז כי זאת התורה לא תהא מוחלפת ולא תהא תורה אחרת.

ותה"ל כי זה למעלה משנה נתייסד 'ועד הפעולה' ע"י טובי עסקני עדתנו, העומדים במסי"נ להעמיד אבני היסוד דעדתנו הק', ולעמוד כחומה בצורה על משמר חומת ההתבדלות, להפיץ את יסודות ההשקפה המסורה וללמד דעת את העם, וכן לעמוד לימין צדקם של רבני עדתנו שליט"א בעזר וסיוע בתמיכות הגונות להאיר את ביתם במועדים וזמנים.

**ובכן בקשתי שטוחה מכל אחד ואחד להצטרף להיות מן העושים והמעשים למען ועד הפעולה של העדה החרדית, ולהשתתף בתרומה חודשית קבועה להעמדת יסוד איתן לפעולות הקודש תמידין כסדרן.**

ומה' ישאו ברכה להושע בכל מילי דמיטב בבני חיי ומזוני רויחי, ונזכה בקרוב לביאת משיח צדקנו והתגלות כבוד מלכותו עלינו, בב"א.

כ"ק מרן הגאב"ד שליט"א

## מי רואה אלו יוצאים ואינו יוצא



עסקני ועד הפעולה בארה"ב ערהאַלטן וואַרימע ברכת הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א לרגל פתיחת המגבית


קריאה נלהבה

מאת עמוד ההוראה בחיר תלמידי רביה"ק זי"ע

הגאון הגדול דומ"ץ קרית יואל שליט"א

בעל אגלי דבש

בצירופא דרבנן לימין צדקו של ידידי מאז ומקדם כ"ק מרן גאב"ד ירושלים שליט"א, להמשך פעולות הקודש של רביה"ק ז"ע לרומם קרן העדה החרדית בארה"ק, אשר הוו היסוד לקיום היהדות החרדית בארצינו הקדושה,

באתי בזה לעורר כל אנשי שלומינו

שכל אחד ישתתף לטובת "ועד הפעולה" שע"י העדה החרדית

להיות חבר נאמן בתוככי העדה החרדית.

וחבר אני לכל אשר יראוך.

עמוד ההוראה הגאון האדיר דומ"ץ קרית יואל שליט"א



דער דיין שליט"א זיצט בטירחא דגופא ביים קאמפיין טישל










הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א זענען מתרים דעם ציבור למען קיום העדה החרדית

לא רעב ללחם ולא צמא למים:

## טויזנטער בחורי הישיבות ברחבי ארה"ק מסיים און שטעלן זיך צום פארהער אויף ספה"ק "ילקוט אמרים ויואל משה" אין ראמען פון הייליגן מפעל 'כי אם לשמוע'

ווייטגרייכנדער קאמפיין אנצושליסן נאך טויזנטער אינעם מסגרת 'כי אם לשמוע' צום התחלה פון ספה"ק 'על הגאולה ועל התמורה' - העכער פופצן טויזנט קונטרסים פון הייליגע הקדמה פארשפרייט אין אלע חרדי'שע ישיבות מדן ועד באר שבע - פילצאליגע רופן פון בחורים פון פילע שטעט בארה"ק וועלכע שליסן זיך אן אין די לימודים – ויואל משה אמת; קושטא קאי!!

קרית יואל פארן הייליגן רבי'ן:

## תושבי קרית יואל וועלן מאכן "א קשר מיטן רבי'ן" דורך זיך אנשליסן מיט שטייגערליכע תמיכה פאר משאת נפשו הטהורה מפעל הכביר 'קרן הצלה'

גאר העפטיגער קאמפיין ווערט געלאזט אין גאנג אויף קומענדיגע וואכן איבער אלע געגנטער און שכונות אין רבי'נס הייליגער שטאט – חשוב'ע גבאי קודש נתמנה געווארן לקראת המגבית האדיר, ה"ה הר"ר טובי' (ברי"א) לעפקאוויטש, און הר"ר חיים אברהם מאשקאוויטש

לעשות רצון צדיק

# 'שר הבטחון' כ"ץ שטעלט ארויס נייעם חוק הגיוס מיט שרעקליך-הויכע 'יעדים' און שווערע שטראפן אויף ישיבות און בני ישיבות פאר'ן 'חטא' פון לימוד התורה אין מדינת ישראל

'יעדים' אנטהאלטן, ווי שוין באריכטעט, פלענער פאר 12,000 חרדים אין טמא'נעם מיליטער אין קומענדיגע צוויי יאר - צוביסלעך העכערן יערליכן ציפער, ביז'ן גרייכן אזויפיל ווי 50% בני ישיבות אין מיליטער אין זיבן יאר ארום, היל"ת!

**וועט אנטהאלטן פינאנציעלע סאנקציעס, סיי אויף ישיבות, און סיי פריוואט אויף בני ישיבות וועלכע שטעלן זיך נישט צום מיליטער – פונקטליכע דעטאלן זענען נאכנישט ארויסגעלייגט, טראץ מערערע פארשפרעכונגען פאר חרדי'שע פארטייען אז 'עס קומט אט אט'**

פארשטינקענע פיש געגעסן... חרדי'שע חברי כנסת המינים זענען אין ברויזנדן שאק, שפירן זיך פארראטן דורך 'זייער פריינט' דער נייער פארטיידיגונג מיניסטער כ"ץ - שטעלן אהער א ווינט פון קעגנערשאפט צום נייעם חוק, אבער שטארקע סקעפטיזם צי זיי וועלן זיך נישט ברעכן צום סוף - פרייע עלעמענטן נאך אלץ נישט צופרידן, ווילן נאך העכערע 'יעדים' און ארעסטן בני ישיבות וועלכע שטעלן זיך נישט; וועט העכסט ווארשיינליך נישט האבן גענוג שטיצע דורכצוגיין

מרכז עזרה ויעוץ

הבה נתחכמה - למושיען של ישראל...

## הרה"ח ר' שמעון קעלער, מגדולי המצילים אין "מרכז עזרה ויעוץ", ווערט אנגעקלאגט אין ציוני'סטישן געריכט פאר שווערע קנסות; ווערט אפגעראטעוועט דורך שטאנדהאפטיגע פארטיידיגונג פונעם ראש המצילים, הר"ר שמעון שישא

### חשוב'ער עסקן דערקלערט דרייסט ביים טויער פון געריכט: איך וועל ווייטער עוסק זיין בעבודת הקודש, ווייל מיר שפירן דעם פעסטן רוקנביין פון אמעריקע!

די פארלאפענע וואך האבן די רשעי הציונים מחליט געווען זיך צו נעמען איבער די ביינער פון איינער פון די חשוב'ע עסקני המרכז **הרה"ח ר' שמעון קעלער שליט"א**, נאך וואס ער האט – ווי עס מאכט זיך כסדר – אונטערגעשריבן ערבות פאר א בחור, און ווען יענער איז נישט אנגעקומען צו זיין משפט האבן זיי גערופן ר' שמעון זיך צו שטעלן צו א געריכט און ס'זאל אים אפקאסטן די גרויסע ערבות.

היות דער לויער פונעם מרכז איז געווען פארנומען מיט אן אנדערע קעיס, איז דער ראש המצילים הר"ר שמעון שישא שליט"א געקומען פארטרעטן ר' שמעון קעלער אינעם געריכט.

אין א שמועס מיט די מצילים שטייענדיג ביים טויער פונעם בית המשפט, האט ר' שמעון קעלער אויסגערופן קליפ און קלאר דעם 'אכלתי ואוכל עוד', זאגנדיג: **"איך וועל ווייטער אונטערשרייבן ערבות פאר די פארפלאנטערטע בחורים און אינגעלייט, אפגעזען צי ס'וועט ברענגען פערזענליכע שוועריקייטן, ווערט דאס נישט אפשוואכן קיין כי הוא זה די גרייטקייט צו טוען אלעס מעגליך צו ראטעווען בחורי ישראל מרדת שחת!! און דאס איז דורך די כח און מוט וואס מיר באקומען ווען מיר ווייסן אז מיר האבן א רוקן ביין אין אמעריקא וואס דאס גיבט די שטארקייט צו שטיין ווייטער פעסט על משמרתינו.**

[ר' שמעון שישא האקט אריין] **בשם ה' נעשה ונצליח און מ'וועט ארויסגיין זכאי פון זייערע הענט!**".

ובחסדי הבורא, נאכן דיון אין בית המשפט, איז ער ארויס זכאי בדין, טראץ די עקשנות פונעם 'פראסעקיוטער' וועלכער האט פאר אלע געלטער אים געוואלט געפינען שולדיג, אבער בסיעתא דשמיא האט הר"ר שמעון שישא פארלייגט די ריכטיגע כוחות, און זיכער געמאכט אז ער גייט ארויס פריי מצפרני הרשעים.

טמא'נער צה"ל דרייט איבער דאס לאנד' מיט פראפאגאנדע איבער 50 "חרדי'שע בחורים" וועלכע האבן זיך אנגעשלאסן אין א.ג. 'חשמונאים' בריגאדע




ברכת מזלא טבא

אל מול פני הני גברי יקירי, עוסקים בלי ליאות למען כל קדשי ישראל

הרה"ג ר' **אברהם יואל גראסבערג** שליט"א

מראשי כולל 'ברך משה' דסאטמאר- מאנסי, ומו"ץ בבית הוראה 'מכון להוראה' - עושה ומעשה למען מוסדות עטה"ק ולמען מרכז עזרה ויעוץ, וגבאי קודש במפעל הק' קרן הצלה

לרגל **נישואי בנו** למז"ט

***

הרה"ג ר' **יואל הלוי גרובער** שליט"א

ר"מ בישיבה גדולה ד'סאטמאר - גבאי קודש במפעל הק' קרן הצלה

לרגל **נישואי בנו** למזל טוב

***

הר"ר **נפתלי שרגא חיים שטערן** הי"ו

גבאי קודש במפעל הק' קרן הצלה'

לרגל **הולדת בנו** למז"ט

-

הר"ר **משה משולם טויב** הי"ו

עסקן נמרץ לטובת מרכז עזרה ויעוץ

לרגל **הולדת בנו** למז"ט

**יה"ר שיזכו לראות רב תענוג ונחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, ולהמשיך בפעולותיהם הברוכות ברוב סיעתא דשמיא**


## זיך מזכיר צו זיין פאר א ישועה ביי רבי שמעון בר יוחאי

**און שיקן א קוויטל וואס וועט ווערן פארגעליינט ביים ציון קודש הקדשים דורכ'ן בעל מסירת נפש הר"ר שמעון שישא שליט"א**

רופט דעם עסקן המרכז בארה"ב הר"ר הערשל פר"מ הי"ו אויף 718.977.5227

**להערות והארות אדער פאר מוסדות עטה"ק וועלכע ווילן אדווערטייזן אין אונזער גליון ביטע שיקן אן אימעיל צו** mishnuso@gmail.com


Mishnusoi | POB 152, Monroe NY 10950 | 845.391.0399 | mishnuso@gmail.com